# וכל מאמינים

א וועכנטליכע בלעטל ארויס געגעבן דורך בני אמונים

פרשת במדבר תשפ"ד שנה י | גליון מס' 536



ת.ד 102 בני ברק | פקס : 03-5055919
9139191@gmail.com


## פניני אמונים

### פערל ווערטער אויף תפילה אין די פרשה

## יעדער 'מחנה' מיט זיין נוסח

**"וְחָנוּ בְּנֵי יִשְׂרָאֵל אִישׁ עַל מַחֲנֵהוּ וְאִישׁ עַל דִּגְלוֹ לְצִבְאֹתָם"** (א נב)

דער של"ה הק' ברענגט אראפ בשם דער אר"י הק' אז אזוי ווי אין מדבר איז כלל ישראך געווארן איינגעטיילט אין פיר טיילן, יעדער טייל מיט זיין פאן איז ביים כלל ישראל דא פיר באזונדערע נוסחאות התפילה. די פיר נוסחאות זענען: ספרד, אשכנז, קאטלאניע און איטאליע און יעדער איד זאל גיין אין די וועג ווי אזוי ער האט מקבל געווען פון זיינע אבות און מקיים זיין דער פסוק - "איש על מחנהו ואיש על דגלו".

עס איז ידוע די שפריכווארט וואס עס האט געזאגט **דער לובלינער רב הגאון רבי מאיר שפירא:**

ווען מען שטעלט זיך דאווענען איז דא עטליכע מנהגים. עס איז דא וואס זאגן "ברוך שאמר" פאר "הודו". עס איז דא וואס זאגן ערשט "הודו" פאר "ברוך שאמר", אבער ווען עס קומט צו זאגן"יהי כבוד ה' לעולם" זענען אלע אידן אייניג מיט דער שבח.

'של"ה' דרך חיים תוכחת מוסר אות לה; 'טעם ודעת' במדבר ב ב

## א דערמאנונג צו די 'יום המיתה' - דורך די פטירה פון יעקב אבינו

**"אִישׁ עַל דִּגְלוֹ בְאֹתֹת לְבֵית אֲבֹתָם יַחֲנוּ בְּנֵי יִשְׂרָאֵל סָבִיב לְאֹהֶל מוֹעֵד יַחֲנוּ"** (ב ב)

אויפ'ן פסוק: "בְּאֹתֹת לְבֵית אֲבֹתָם" זאגט רש"י (על פי תנחומא יב) אז די סדר ווי אזוי די שבטים האבן גערוט אין מדבר איז געווען לויט די סדר ווי אזוי יעקב אבינו האט אויסגעשטעלט אז די קינדער זאלן אים נעמען צו די קבורה פון מצרים קיין חברון.

מען דארף פארשטיין וואס האט איינס מיט די אנדערע?

דער שאמלויער רב רבי שלמה זלמן עהרענרייך זצ"ל געט צו פארשטיין:

אז יעדן טאג צופרי ביי די "יהי רצון" נאך ברכות השחר בעטן מיר פון השי"ת: "שתצילנו היום ובכל יום... מיצר הרע". מיר זענען מתפלל אויף דעם אבער א איד דארף אויך זיין וואכזאם, ער זאל נישט ארייננפאלן אין די נעץ פון דעם יצר הרע. איינס פון די עצות וואס חז"ל געבן אז מען זאל נישט ארייננפאלן אין די נעץ פון די יצר הרע איז אז מען זאל געדענקען דער יום המיתה און ווי חז"ל זאגן שוין (ברכות ה ב) יזכיר לו את יום המיתה.

עס קען זיין אז ווייל דער יום המיתה דערמאנט א איד פון דער יום המיתה, האט הקב"ה געהייסן אז מען זאל אויסשטעלן די דגלים לויט'ן סדר ווי די קינדער פון יעקב אבינו האבן אים באגלייט ביי די קבורה, אזוי ארום וועלן זיי געדענקען דעם יום המיתה און האבן די כוחות זיך צו שטארקן אויף די נסיונות וואס דער יצר הרע לייגט אונטער פאר'ן יעדן איד.

'דרשות לחם שלמה' עמ' רע"ה

## די יארן לויפן

**"כָּל הַפְּקֻדִים לְמַחֲנֵה רְאוּבֵן מְאַת אֶלֶף וְאֶחָד וַחֲמִשִּׁים אֶלֶף וְאַרְבַּע מֵאוֹת וַחֲמִשִּׁים לְצִבְאֹתָם וּשְׁנִיִּם יִסָּעוּ"** (ב טז)

אין די תולדות אהרן איז געווען איינגעפירט אז אין די געבורטס'טאג פון א מענטש פלעגט מען אריינגיין צום תולדות אהרן רבי דער בעל 'דברי אמונה' און געהערט פון אים חיזוק ווי אזוי זיך צופירן אין דעם טאג און בכלל וואס מען זאל זיך פארבעסערן. ביי די שמועסן פלעגט ער אייביג נאכזאגן די ווארט פון דער בעל 'דברי יואל' מסאטמאר אויפ'ן פסוק: "ושנים יסעו" - אז דער 'שנים' מיינט דאך אויך יארן און עס איז א רמז אז מען זאל זיך צופלייסן ווייל די יארן לויפן.

'תורה ואמונה' עמ' קמ

## פניני אמונים

### פערל ווערטער אויף תפילה אין די פרשה

## די ברכות השחר – די השלמה פון די מאה ברכות

אין דער הייליגער יום טוב שבועות פראוועט כלל ישראל דער יארצייט פון דוד המלך עליו השלום וועלכע איז געבוירן אין דעם טאג און איז אויך נסתלק געווארן אין דעם טאג.

דער דמות פון דעם צדיק דוד המלך ע"ה באגלייט כלל ישראל אגאנץ יאר. מיט זיין גרויסע קדושה האט ער מייסד געווען די נצחיות'דיגע מלכות בית דוד וועלכע איז מיט אונז אויף אייביג און וועט אונז באגלייטן לעולם ועד, ווי מיר זאגן דריי מאל א טאג ביים דאווענען

"את צמח דוד עבדך מהרה תצמיח, וקרנו תרום בישועתך".

א הייליגע און א טייערע ירושה האט דוד המלך איבערגעלאזט פאר'ן כלל ישראל. אויסער די אומצאליגע געשעענישן וואס ער איז אריבער אין זיין לעבן און עס ווערט אויסגעשמועסט אין דברי הימים איז אויך דא דער הייליגער ספר התהלים, דער ספר וואס באגלייט יעדן איד, אין יעדן מצב.

אבער עס איז דא נאך א זאך וואס מיר האבן בירושה פון דעם צדיק און דאס איז די מאה ברכות וואס ער האט מייסד געווען אין זיין צייט. אין די וועלט ווייסט מען אז די מאה ברכות האט ער מייסד געווען אבער ווען דער טור ברענגט אראפ אז דוד המלך האט מייסד געווען די מאה ברכות, לייגט ער צו נאך א שטארקע נקודה, וואס איז ווייניגער באקאנט און דאס איז שוין א חידוש און דאס איז אז די ברכת השחר וואס מיר האבן יעדן טאג, איז אויך נתייסד געווען אין יענער צייט.

מיר ציטירן דא דעם לשון הטור: (או"ח מו): "בכל יום היו מתים מאה נפשות מישראל ולא היו יודעים על מה, עד שחקר דוד המלך והבין ברוח הקודש, ותקן להם לישראל מאה ברכות, **ועל כן תקנו חכמים ז"ל אלו הברכות [ברכות השחר] על סדר העולם והנהגתו, להשלים מאה ברכות בכל יום".**

פון זיינע ווערטער לערנען מיר דא אז די סיבה פארוואס מען האט מייסד געווען די ברכת השחר איז געווען צוליב די מאה ברכות, אז מיט זיי זאל מען קענען משלים זיין די מאה ברכות.

די נקודה זעט מען אויך אין די ווערטער פון די ראשונים. זיי רופן אן די ברכת השחר מיט'ן נאמען "סדר מאה ברכות", ווייל עס איז נתייסד געווען אז מען זאל קענען נאכקומען די צאל פון מאה ברכות. (זעה אין ספר 'המספיק לעובדי ה'" פרק ל).

דא איז דער ארט אנצוצייכענען אז אז נישט נאר די ברכות ווערט דא נשלם, אויך די צאל 'אמנים' וואס א איד דארף צו זאגן טאג טעגליך [אויסער די חובה צו זאגן אמן אויף די צענדליגע קדישים] ווערט נשלם דורך די אמן פון ברכת השחר, אויב מען הערט עס פון דריי מענטשן, ווי דער 'משנה ברורה' זאגט (ו יג) אז דאס איז די מקור צו דער מנהג פון זאגן די ברכת השחר מיט אנדערע מענטשן.

מיר לעבן היינט אין א סכנה'דיגע וועלט. יעדער פון אונז דארף שוץ און די בעסטע באשיצונג איז אז מיר וועלן אפהיטן די צאל ברכות און אמנים וואס חז"ל האבן מתקן געווען אז מען זאל זאגן יעדן צופרי.

**מיט א קריאה פון "דוד מלך ישראל חי וקיים",**
**שבת שלום**

יעקב דוב מארמארשטיין

# — אן 'אמן' פאר די פולע פרייז —

ביי א רעדע וואס עס האט איבערגעבן דער מגיד רבי מאיר צימראט איבער די גרויסקייט פון ענטפערן אמן האט ער מיטגעטיילט מיט'ן ציבור איבער אן אומפארגעסליכע געשיכטע וואס ער האט פערזענליך מיטגעלעבט מיט יארן פריער און די איינדרוק פון די געשיכטע איז געבליבן ביי אים איינגעקריצט ביז צום היינטיגן טאג.

פאלגענד איז די מעשה:

די מעשה האט זיך אנגעהויבן אין די יארן ווען איך האב געוואוינט אין ירושלים עיה"ק. אין א טאג האב דערהאלטן א בשורה אז מיין באבע עליה השלום איז נפטר געווארן און אזוי די לויה איז געווען אין די שטאט בני ברק, האב איך זיך ארויסגעלאזט אהין.

ווען די לויה האט זיך געענדיגט בין איך אריבער צו די טעקסי סטאנציע וועלכע איז בימים ההם געווען קעגן די איצקאוויטש שול און פון דארט האב איך געוואלט נעמען א טעקסי קיין ירושלים.

אנקומענדיג איז ארויסגעפארן איין מיניוועון און דער דרייווער האט אנגעהויבן איינזאמלען מענטשן פאר די צווייטע מיניוועון. זייענדיג די ערשטע אין די רייע האב איך זיך געקענט אויסוועלן די ערשטע פלאץ צוזיצן און איך האב זיך אויסגעוועלט דערפלאץ נעבן דער דרייווער.

די פלאץ איז אייביג געווען די בעסטע פלאץ. אונטן איז געווען מער צושטופט, דא איז געווען מער פלאץ און אויך ווייניגער הייס.



עס האט געדויערט א שטיק צייט ביז ווען דער מיניוועון האט זיך אנגעפולט. עס איז שוין געווען כמעט פול, עס איז געבליבן איין ליידיגער פלאץ, אבער דער דרייווער האט שוין נישט געהאט קיין געדולד און באשלאסן אז ער לאזט זיך ארויס אויפ'ן וועג.

אין יענע טעג האט אזא רייזע געקאסט די סומע פון דריי און א האלב שקל. מיר האבן זיך אנגעהויבן שלענגלען אויף די גאסן פון בני ברק. ווען מיר זענען שוין געווען ביים עק שטאט האט מען זיך אפגעשטעלט ביי א טרעפיק ליכט. ווארטנדיג דארט האט א פארקויפער פון גאס אריינגעשטעקט זיין קאפ פרעגנדיג ווער פון אונז וויל קויפן א קאלטע אייז קרעם.

עס איז געווען א הייסער טאג, די היץ האט געברענגט, א קאלטע געטראנק וואלט געקענט פארגרינגערן די היץ, אבער מיט דעם אלעם האט קיין איינער נישט גענומען, אן אויסנאם איז געווען דער דרייווער, ער האט געצאלט א האלבע שקל און נאכ'ן אראפציען דער צודעק האט ער זיך געגרייט צו שלינגען דעם אייז קרעם. זעענדיג דאס האב איך זיך געוואנדן צו אים בעטענדיג אז איידער ער שלינגט עס איין זאל ער מאכן א ברכה אויף די אייז קרעם.

מיין ביטע האט ער געענטפערט מיט א שארפער ניין.

איך האב נישט מוותר געווען. איך האב געוואלט וויסן פארוואס ער קען נישט.

"הער אויס". האט ער אנגעהויבן צו ערקלערן זיין שריט.

"עס קען זיין אז פאר דיר קומט כמעט נישט אויסצופארן פון ירושלים קיין בני ברק, אבער איך מאך די רייזע יעדן טאג. כמעט ביי יעדע רייזע נעמט מיר א צווייטער פאר זיין פריוואטער פראדזשעקט. איינער בעט מיר צו מאכן א ברכה, א צווייטע וויל וויסן צי איך האב שוין היינט געלייגט תפילין, א דריטע וויל וויסן צי כ'היט שבת, מארגן וועט איינער קומען און מיר איבערצייגן אז איך זאל איבערלאזן די ארבעט און זיך אריינזעצן אין א ישיבה. לאמיר זיך אפשטעלן דא און פטור א געשעפט...".

דער דרייווער האט געהאלטן די אייז קרעם אין זיין האנט, עס האט אנגעהויבן טראפענען אבער איך בין נישט געווען אין די גיסטע אויפצוגעבן. איך האב ארויסגענומען פון טאש א האלבער שקל און אים געאפפערט אז איך צאל אים אויס די אייז קרעם, נאר אז ער זאל מאכן א ברכה.

די בלוט איז אים ארויף אין קאפ. ער האט געגעבן א האסטיגן שטעל אפ די קאר און זיך אויסגעדריידט צו מיר.

"הער זיך איין! איך מיש זיך נישט אריין אין דיין לעבן און דו הער אויף זיך אריינצומישן אין מיין לעבן".

די רעקאציע איז געווען שארף, איך האב געשפירט אז איך דארף אים אויסבעסערן.

"איך מיין זיך נישט צו מישן אין דיין לעבן. איך מיין נאר מיר. איך וויל קענען ענטפערן אמן. חז"ל זאגן 'גדול העונה אמן יותר מהמברך' און איך וויל זוכה זיין דערצו.

ביי דעם שטאפל איז זיין כעס געווארן גרעסער. ער האט אנגעכאפט די מטבע וואס איך האב פריער אריינגעלייגט אין זיין האנט און עס געווארפן צו מיר.

"מיינסט אז מיר קענען אפקויפן מיט א האלבע שקל?...".

"א האלבע שקל איז קליינגעלט אבער פאר וויפיל וואלסטו יא מסכים געווען צו מאכן א ברכה?".

דער דרייווער האט געטראכט א רגע. עס האט אויסגעזען ווי דער וועג ווי אזוי איך האב עס געזאגט האט אים באיינפלוס. ער האט געטראכט א רגע און קוקנדיג אויף דאס ליידיגער ארט וואס איז געבליבן האט ער זיך אנגערופן אז אויב מען וועט אים געבן דריי און א האלב שקל, די פרייז פון די ליידיגע ארט וואס איז געבליבן, איז ער גרייט איינצוגיין אויף דאס געשעפט.

איך האב געטראכט א מינוט. אין די באגריפן פון יענע יארן איז עס געווען היבש א שיינע סומע. וויסנדיג אז איך קען אריינגיין אין יעדע שטיבלעך און הערן צענדליגע אזעלכע אמנ'ס אומזינסט האב איך געצווייפלט אבער דאן האבן זיך די וואס זענען געזעסן אויפ'ן אונטערשטן באנק אריינגעמישט.

מיטהאלטנדיג די טענה'ריי האבן זיי זיך מאבליזירט און אין א מינוט האבן זיי צוזאמענגעשטעלט די סומע און עס דערלאנגט פאר'ן דרייווער.

די געשעפט האט אים געשמעקט, ער האט גענומען דאס געלט און צוגעדעקט זיין קאפ און געמאכט די ברכה 'שהכל נהיה בדברו'.

ער האט געענדיגט די ברכה און וואס עס האט זיך אפגעשפילט אין די מינוטן שפעטער האט זיך געהערט ווי א פאנטאזיע. אלע רייזענדער האבן ספאנטאניש, מיט א ברען, ווי ביי תפילות נעילה. אויסגעשריגן בקול רם:

"א מ ן !!!"

דער דרייווער איז געבליבן שאקירט. עפעס אין אים האט זיך געשאקלט. איך האב דערקענט אין זיינע אויגן א קליינע טרער. זייענדיג אזוי גערירט האט ער זיך אנגערופן צו אונז אז ער ווייסט נישט ווי אזוי עס איז אונז איינגעפאלן אזא זאך צוצאלן געלט פאר אן אמן, אבער אויב עס האט זיך שוין געפירט אזוי, וויל ער נישט פארקויפן דער אמן פאר קיין געלט.

ער האט צוריקגעגעבן דאס געלט אבער אין די זעלבע צייט האט ער געבעטן אז מער זאל מען נישט רעדן מיט אים דערוועגן.

"באלד וועט איר מיר נאך מאכן א בעל תשובה". האט ער א זאג געגעבן.

מיר האבן אויסגעפאלגט זיין בקשה. דורכאויס די וועג איז יעדער געזעסן שטיל, יעדער איז געווען פארזינקען אין זיינע ענינים. אנקומענדיג צו די סטאנציע אין ירושלים, האבן מיר זיך געשיידט.

אויבנאויף האט זיך די מעשה געענדיגט דא, אבער עס האט נאך געהאט א המשך.

עטליכע יאר שפעטער האט איך געגעבן אן אויפטריט פאר בעלי תשובה. ביי די אויפטריט האב איך דערציילט די מעשה.

פלוצלונג שטעלט זיך אויף איינער פון די פארזאמלטע און זאגט מיר אז איך זאל וויסן אז ער איז דער זון פון יענעם דרייווער.

"די מעשה האט מיר שוין מיין טאטע דערציילט צענדליג מאל".

דער איד האט צוגעלייגט:

"איר זאלט וויסן". האט ער געזאגט אז פון ווען איך בין געווארן א בעל תשובה, וועל איך פון צייט צו צייט קומען באזוכן מיין פאטער. יעדער מאל ווען איך קום צוגיין האט ער צו מיר איין בקשה - ער וויל אז איך זאל מאכן א ברכה אז ער זאל קענען ענטפערן אמן - אזוי ווי ער קען - מיט א הויכקייט, מיט כוונה.

'דורש טוב' חנוכה עמ' 527

# ברכת התורה

## די 'עסק התורה'

**"אֲשֶׁר קִדְּשָׁנוּ בְּמִצְוֹתָיו וְצִוָּנוּ לַעֲסוֹק בְּדִבְרֵי תוֹרָה"**

ביי ברכת התורה מאכן מיר די ברכה "לעסוק בדברי תורה" לכאורה וואלט די ברכה געדארפט זיין "**ללמוד** דברי תורה"?

**דער טורי זהב איז מבאר** (מו א) אז וועגן דעם האבן חכמים מתקן געווען דער לשון הברכה "לעסוק" ווייל מיט דעם האבן זיי געוואלט ארויסגעבן אז די תורה איז מען קונה מיט 'עסק התורה' דהיינו אז מען איז זיך מייגע אויף די תורה און ווי די חכמים זאגן שוין: (ברכות סג ב): "אין התורה מתקיימת אלא במי שממית עצמו עליה".

און אנדערע מהלך זאגט דער **מהרא"ל צינץ** אז מיט'ן לשון "לעסוק" האט מען אינזינען אויך די מחזיקי תורה. אויך די וואס שטיצן די תורה זענען עוסק אין די קיום התורה און זיי זענען מרומז אין דער 'לעסוק'. ('שיורי קומץ המנחה' דרוש ד).

נאך א מהלך זאגט דער בעל 'משנה הלכות' (שו"ת, ח"ו סי' יג): אז א חלק פון די תורה איז אז אויך די מעשים וואס מיר מאכן פי תורה און די מעשים איז מרומז אין דער ווארט: "לעסוק" ווייל אין די ווארט איז כולל אין זיך אויסער די עצם לימוד, איז אויך דא דער חלק פון 'עסק' על פי תורה, אז די מעשים וואס מען מאכט זאל זיין על פי תורה.

## די 'עסק' אין די 'דברי תורה'

**"אֲשֶׁר קִדְּשָׁנוּ בְּמִצְוֹתָיו וְצִוָּנוּ לַעֲסוֹק בְּדִבְרֵי תוֹרָה"**

נאך א דיוק וואס איז דא אין די ברכה, עס שטייט: "לעסוק **בדברי** תורה". לכאורה וואלט געדארפט שטיין נאר "לעסוק בתורה" וואס איז דער 'בדברי':

**דער צדיק רבי יהודה בן יקר זאגט:**
אז דער לשון "דברי" איז א רמז אויף די תורה שבעל פה, ווייל תורה שבעל פה ווערט אנגערופן "**דברים** שבעל פה" (ראה גיטין ס ב). מען זאגט עקסטער ארויס 'דברי' צו ווייזן אז מיר האבן אויך אינזינען די תורה שבעל פה. ('פירוש התפילות והברכות' עמ' כב).

דער '**חיי אדם**' זאגט א שיינער דרעהער. מיר ווייסן דאך אז פאר ברכת התורה מעג נישט רעדן אין לערנען, אבער הרהור בדברי תורה איז יא מותר (או"ח מז ד).

וועגן דעם האט מען ביי ברכת התורה אריינגעלייגט דער ווארט 'דברי' צו לאזן הערן אז ביז יעצט האט מען געמעגט מהרהר זיין בדברי תורה, פון יעצט וועט מען אויך מעגן רעדן אין לערנען. ('נשמת אדם' א ט ד).

נאך א מהלך זאגט **רבי צדוק הכהן מלובלין:**
מיר ווייסן אז "תורה" איז מלשון מורה דרך, וויל די תורה היט אפ דעם איד ער זאל גיין אין דעם גוטן וועג און נישט נכשל ווערן אין א חטא (נזיר כא א).

אבער צו די שמירה איז זוכה נאר דער וואס לערנט תורה לשמה. עס קומט אויס לויט דעם אז דער וואס לערנט תורה שלא לשמה ווערט נישט גערעכנט ווי אן "עוסק בתורה", ווייל זיין לערנען איז נישט קיין מורה דרך פאר אים. דאגעגן איז דער זיך מתעסק זיין אין "**דברי** תורה" כולל אויך דער וואס לערנט שלא לשמה, ווייל אין דער לשון "דברי תורה" ווערט אויך אריינגערעכנט די לימוד וואס ווערט

### מעורר זיין דער זכות פון 'אמן' גלייך אינדעפרי

**"וְנִהְיֶה אֲנַחְנוּ וְצֶאֱצָאֵינוּ [וְצֶאֱצָאֵי צֶאֱצָאֵינוּ] וְצֶאֱצָאֵי עַמְּךָ בֵּית יִשְׂרָאֵל..."**

אויך אויף דער לשון פון "צאצאינו" פרעגט מען. מען טרעפט כמעט נישט די אויסדרוקן כמעט איבעראל שטייט "זרענו" פארוואס עפעס שטייט דא אזא לשון?

דער 'חתם סופר' זאגט אז וועגן דעם זאגט מען "צאצאינו" ווייל אין די ווארט "צאצאינו" איז מרומז צוויי מאל צ"א לויט די גימטריא פון די צוויי שמות הקודש הוי"ה ואדנות, דאס איז א רמז אז די קדושה דאפלט זיך צוויי מאל. ('דרשות חתם סופר' ח"א דף קי).

נאך זאגט **רבי דוד חי אבוחצירא** שליט"א: אז די אותיות צ"א איז די זעלבע גימטריא ווי אמן און ווייל מען וויל מעורר זיין די זכות פון ענטפערן אמן גלייך אינדערפרי זאגט מען גלייך די ווארט "צאצאינו". (ספר 'בני אמונים' עמ' 88).

אנגערופן "פטטיא דאורייתא" (ראה ירושלמי ברכות ט ה) וואס גייט ארויף אויף דער לימוד שלא לשמה. וועגן דעם מאכן מיר די ברכה "לעסוק בדברי תורה" ווייל מיר זענען נישט זיכער אז מיר וועלן ענדע זוכה זיין צו לערנען תורה לשמה. ('צדקת הצדיק' אות נט).

## זיך פרייען אויך מיט די תורה פון א צווייטן

**"וְהַעֲרֶב נָא ה' אֱלֹקֵינוּ אֶת דִּבְרֵי תוֹרָתְךָ בְּפִינוּ וּבְפִיּוֹת כָּל עַמְּךָ בֵּית יִשְׂרָאֵל"**

דער רב פון קראקא **רבי יוסף נחמיה קורניצר** זאגט:

אין די ווערטער איז דא א בקשה אז די דברי תורה וואס גייט ארויס פון אונזערע מיילער און פון די מיילער פון אלע אידן זאלן זיין אן 'ערב' פאר אונז, אז מיר זאלן נישט זיין פון די אומפארגינער וועלכע פרייען זיך נאר מיט זייער אייגענע תורה, אבער נישט מיט די תורה פון אנדערע. ('חידושי רבנו יוסף נחמיה' ויצא)

## דורך די ברכה באקומט מען די תורה 'במתנה'

**"אֲשֶׁר בָּחַר בָּנוּ מִכָּל הָעַמִּים וְנָתַן לָנוּ אֶת תּוֹרָתוֹ בָּרוּךְ אַתָּה ה' נוֹתֵן הַתּוֹרָה"**

**דער'נודע ביהודה'** האט גע'דרשנ'ט:

די גמרא אין נדרים (דף לח א) דערציילט אז ווען משה רבינו האט געלערנט די תורה מפי מפי הקדוש ברוך הוא אין הר סיני האט ער געהאלטן אין איין פארגעסן די תורה, ביז ווען הקב"ה האט אים געגעבן די תורה במתנה. איינמאל ער האט באקומען די תורה במתנה פון הקב"ה האט ער שוין געדענקט די תורה. די זעלבע זאך איז אויך מיט אונז, אויב מיר וועלן מקפיד זיין צו לערנען די תורה כהלכה, וועלן מיר זוכה זיין מקבל צו זיין די תורה במתנה און אז מיר וועלן האבן די תורה, וועלן מיר עס קענען געדענקען.

די זעלבע געדאנק זאגן חז"ל ברכות (דף לה א) און זענען מיישב די סתירה פון די צוויי פסוקים (תהילים כד א): "לַה' הָאָרֶץ וּמְלוֹאָהּ" און דער פסוק פון (שם קטו טז): "וְהָאָרֶץ נָתַן לִבְנֵי אָדָם" אז פאר די ברכה איז עס שייך צו השי"ת און נאך די ברכה האט עס דער איד זוכה געווען און די זעלבע איז אויך מיט די לימוד התורה, פאר מען מאכט די ברכה ווערט די תורה גערעכנט ווי די תורת ה' און מען קען עס נישט געדענקען אבער נאך דעם וואס מען מאכט א ברכה איז ער זוכה אין איר במתנה און וועגן דעם געדענקט ער עס אזוי ווי משה רבינו וואס האט געדענקט די תורה, נאך דעם וואס ער האט עס באקומען במתנה פון הימל.

דאס זאגן דא חז"ל (שם יא ב) אז די ברכה פון "אשר בחר בנו מכל העמים **ונתן לנו את תורתו**, ברוך אתה ה' **נותן התורה**", איז די בעסטע ברכה, ווייל אין די ברכה איז מודגש די פעולה וואס ווערט נגרם דורך די ברכה און דאס איז די נתינת התורה וואס איז גורם צו זכירה.

מיט די בחינה געט דער 'נודע ביהודה' צו פארשטיין פארוואס רבי יהודה הנשיא האט קובע געווען מסכת ברכות אלץ די ערשטע מסכתא אין ש"ס, אז מען זאל געדענקען צו לערנען ברכות התורה אנהייב פון די לימודים און דורכדעם זען א ברכה אין די לימוד התורה און געדענקען דאס לערנען. ('צל"ח' ברכות סד א)

# רזי אמונים

## רמזים פון אמן אין תהילים

### ענטפערן 'אמן' וועט מציל זיין די רשעים פון גיהנם

**"כִּי לֹא תַעֲזֹב נַפְשִׁי לִשְׁאוֹל לֹא תִתֵּן חֲסִידְךָ לִרְאוֹת שָׁחַת"** (טז י)

אין 'תנא דבי אליהו' (זוטא פרק כ) ווערט געברענגט אז לעתיד לבוא וועלן די פושעי ישראל ניצול ווערן פון גיהנם נאכ'ן ענטפערן אמן אויף די קדיש וואס עס גייט זאגן דוד המלך.

פאלגענד זענען זיינע ווערטער: "... און דוד המלך וועט זאגן א קדיש פון אגדה פאר הקדוש ברוך הוא און די צדיקים וועלן ענטפערן יהא שמו הגדול מבורך לעולם ולעולמי עולמים בגן עדן. ווען די פושעי ישראל וועלן עס הערן וועלן זיי אויך ענטפערן אמן. דאן וועט קוב"ה פרעגן פאר די מלאכים: ווער האט גענטפערט אמן פון גיהנם?' וועלן ' מלאכים זאגן אז דאס זענען די פושעי ישראל, אז אפילו אז זיי זענען אין גיהנם און זיי זענען דארט בצרה גדולה שטארקן זיי זיך און ענטפערן 'אמן'. ווען הקדוש ברוך הוא וועט דאס הערן וועט ער זאגן פאר די מלאכי השרת: 'עפענט'ס אויף פאר זיי די גן עדן און זאלן זיי קומען און זינגען פאר אונז ווי עס שטייט אין פסוק (ישעיה כו ב): 'פתחו שערים ויבא גוי צדיק שמר אמנים' - רוף זיי נישט 'אמונים' נאר די וואס ענטפערן אמן.

**לייגט צו אויף דעם רבי יחזקאל מאיר מועלם** פון באגדאד אז די ווערטער פון דער 'תנא דבי אליהו' איז מרומז אין דער פסוק: "נפשי לשאול לא תתן" ווייל די סופי תיבות פון די ווערטער איז די גימטריא פון אמן ('ליקוטי אמרי א-ל' פרשת נח).

### נאר א נארישער איז מזלזל אין אמן

**"הִבְאִישׁוּ נָמַקּוּ חַבּוּרֹתָי מִפְּנֵי אִוַּלְתִּי; נַעֲוֵיתִי שַׁחֹתִי עַד מְאֹד"** (לח ו-ז)

אין ספר 'דרך משה' (ליום יא) ברענגט ער אראפ א מעשה פון א חסיד אחד וואס דער קעניג האט אים גע'הרג'ט. דער חסיד האט זיך באוויזן פאר זיין חבר און געזאגט אז ער איז נענש געווארן ווייל ער האט נישט גענטפערט אמן אויף די ברכת "המוציא" וואס זיין קינד האט געמאכט.

דער 'דרך משה' זאגט אז פון דא זעט מען די הארבקייט פון נישט ענטפערן אמן אז עס קומען ביז צו אזא הארבע שטראף, אבער ווייל הקדוש ברוך הוא איז נישט פוגע בנפשות תחילה (ויק"ר יז ד), קען נגזר ווערן אויף אים עניות ווייל עני חשוב כמת ווי ס'שטייט אין גמרא (נדרים סב ב).

דער חברונער רב רבי אליהו סלמאן מני, ברענגט א רמז צו דעם געדאנק אז די ראשי תיבות: "מפני אולתי נעויתי", איז אמן און דאס איז א רמז אויף די הארבע שטראף וואס עס קומט אויף דער מענטש וואס פארהוילט זיך פון אן אמן. ('קרנות צדיק' פרק ג אות כז)

### צו ענטפערן אמן 'כהלכתה'

**"וְלָרָשָׁע אָמַר אֱלֹקִים מַה לְּךָ לְסַפֵּר חֻקָּי וַתִּשָּׂא בְרִיתִי עֲלֵי פִיךָ"** (נ טז)

אין זיין ספר 'אלף בינה' (מזמור לד) דרשנ'ט דער 'אביר יעקב' אז אין פרק לד אין תהילים האט דוד המלך געמאכט א שיר אויף די גרויסע מעלה פון קדיש און עניית אמן.

פאלגענד איז א ציטירונג פון זיינע ווערטער:

### זיין בשמחה בייִם ענטפערן אן אמן

**"בַּה' תִּתְהַלֵּל נַפְשִׁי יִשְׁמְעוּ עֲנָוִים וְיִשְׂמָחוּ" (לד ג)**

דער פסוק לערנט אונז אויף די גרויסע מעלה פון ענטפערן אמן נאך קדיש. ווייל עס איז מרמז אויף דעם איז די סופי תיבות פון די ווערטער "בַּה' תִּתְהַלֵּל נַפְשִׁי יִשְׁמְעוּ עֲנָוִים" די גימטריא פון אמן. עס איז מרומז אין פסוק: "בה' תתהלל נפשי" - ווען איך וועל לויבן השי"ת מיט אמירת קדיש וועט מקויים ווערן דער: "ישמעו ענוים וישמחו" - אז די ענטפערער [המילים "ענוים" ו"עונים" האבן די זעלבע אותיות] און מען וועט זיך פרייען מיט די מצוה פון אמן וואס ער האט זוכה געווען דערצו.

### דער אמן איז א מגן ומציל

**"חֹנֶה מַלְאַךְ ה' סָבִיב לִירֵאָיו וַיְחַלְּצֵם" (לד ח)**

די ווארט "מלאך" איז די זעלבע גימטריא ווי 'אמן'. אויך די ראשי תיבות פון: "א-דני סביב ליראיו" באטרעפט כמנין 'אמן'. א רמז אויף אין די כח פון 'אמן' איז דא שמירה עליונה סיי אויף די וועלט און סיי לעולם הבא.

### די 'טוב' פון הקב"ה

**"טַעֲמוּ וּרְאוּ כִּי טוֹב ה' אַשְׁרֵי הַגֶּבֶר יֶחֱסֶה בּוֹ"**

"טעמו וראו" - ווען דו וועסט גוט מדקדק זיין און זיך איבערצייגן אין די מעלה פון אמן וועסטו דורכדעם אנקומען צו די אנערקענונג אז "כי טוב ה'", אז הקב"ה האט עס געגעבן פאר אונז אז עס זאל מגין זיין און שומר זיין אויף אונז, און וועגן דעם שטייט "אשרי הגבר" וואס וועט מקפיד זיין און מקיים זיין רצון ה'. א רמז דערצו איז דא אין דער פסוק ווייל די ווארט: "יחסה בו" איז גימטריא אמן.

האט דער צדיק **רבי אברהם נפתלי הירץ שייאר**, אב"ד מיינץ געזאגט:

אין די גמרא אין (ברכות מז א) איז מבאר אז דאס לעבן פון א מענטש הענגט אויף אן אמן סיי לטוב און סיי למוטב. חז"ל זאגן: "העונה אמן יתומה [אן וויסן וואס איז די ברכה ]- וועלן זיינע קינדער זיין יתומים. אויב ער ענטפערט אן אפגעכאפטער אמן [נישט מיט די ריכטיגע ניקוד] - וועלן זיינע טעג ווערן נחטף. אויב זאגט ער אן אמן 'קטופה' [אז ער שלינגט איין די אותיות ] - וועט חלילה ווערן אפגעהאקט זיינע טעג". קעגן דעם ווער עס איז מקפיד אויף עניית אמן כדת וכהלכה איז פארזיכערט מיט אריכות ימים ווי עס שטייט - "כל המאריך באמן מאריכים לו ימיו ושנותיו".

לויט דעם קומט אויס אז עס דא ווען עס איז בעסער פאר א מענטש אז ער זאל ליבערשט נישט ענטפערן ווי צו ענטפערן. די בחינה איז מרמז דער פסוק: "ולרשע אמר אלקים מה לך לספר" ווייל אז דו געסט נישט אכטונג וועסטו נכשל ווערן אין "חקי" - די ראשי תיבות פון די ווערטער "חטופה, "קטופה", "יתומה", מילא איז בעסער שלא "**תשא בריתי עלי פיך**" ('תורי זהב' שה"ש ד ח).

### די מלחמה וועט מען זיגן אין זכות פון אמן

**מִקּוֹל אוֹיֵב מִפְּנֵי עָקַת רָשָׁע כִּי יָמִיטוּ עָלַי אָוֶן וּבְאַף יִשְׂטְמוּנִי; לִבִּי יָחִיל בְּקִרְבִּי וְאֵימוֹת מָוֶת נָפְלוּ עָלָי** (נה ד-ה)

דער פסוק וואס דבורה הנביאה האט געזאגט נאך די ניצחון וואס כלל ישראל האט געהאט ביי די מלחמה מיט סיסרא איז געווען: "בפרע פרעות בישראל בהתנדב עם ברכו ה'" (שופטים ה ב).

האט גע'דרשנ'ט אויף דעם אליהו הנביא כך ('תנא דבי אליהו' רבא יא):

"מה נתנבאה דבורה לישראל? אלא כך אמרה להם: בזכות מי הקדוש ברוך הוא נפרע לישראל מאומות העולם? בבני אדם שהם משכימים ומעריבים לבית הכנסת ולבית המדרש ועונים אמן..."

דער גראכובער רבי האט געטראפן אויף דעם א רמז אין די פסוק, די ראשי תיבות פון די ווערטער: "**אימות מות נפלו**" 'אמן' - אז פארוואס פאלט אויף אונז א פחד פון דער אויב ווייל עס פעלט אונז די זכות פון 'אמן'. ('גבעת יוסף' שם).

### א הארת פנים בזכות פון אמן

**"ה' אֱלֹקִים צְבָ-אוֹת הֲשִׁיבֵנוּ הָאֵר פָּנֶיךָ וְנִוָּשֵׁעָה"** (פ כ)

דער זוהר הקדוש (וילך רפה ב) שרייבט אז ווען אידן ווערן נרדף פון זייערע פיינט און זיי זענען מתפלל צו הקבה"ה און זענען נזהר צו ענטפערן אמן כראוי ווערן די שערי שמים געעפענט און זיי ווערן געהאלפן פון די צרות.

א רמז צו די ווערטער פון זוהר איז דא אין די ראשי תיבות פון די ווערטער: "האר פניך ונושעה". די ראשי תיבות פון די ווערטער איז בגימטריא אמן, ווייל אין זכות פון אמן איז השי"ת מאיר פנים און איז מקבל די תפילת ישראל און העלפט זיי ארויס בעת צרה. ('דורות ישרים' תהילים שם).